**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/9/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול אנאנסירט ביליגערע ענערגיע פלאן און שריט צו פארשנעלערן א ריינע ענערגיע צוקונפט**

***סטעיט אוו די סטעיט פארשלאג שילדערט ביליגערע ענערגיע פלאן צו שפארן פאר א האלבע מיליאן ניו יארקער הויזגעזונדער ביז 500$ א יאר***

***שטעלט פאר RAPID געזעץ צו איינפירן צו בויען טראנסמישען אינפראסטרוקטור פאר א בייגזאמע, פארלעסליכע, און ריינע גריד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א ברייטע ביליגערע ענערגיע פלאן און שריט צו פארשנעלערן ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט אלס טייל פון די 2024 סטעיט אוו די סטעיט. די פארשלאג שילדערט עטליכע שריט וואס וועט שפארן פאר א האלבע מיליאן ניו יארקער הויזגעזונדער ביז 500$ א יאר אויף יוטיליטי בילס און פאראויס שטופן ניו יארק'ס איבערגאנג צו ריינע ענערגיע. אויך, האט גאווערנאר האקול פארגעשטעלט די RAPID געזעץ וואס וועט איינפירן צו בויען טראנסמישען אינפראסטרוקטור פאר א בייגזאמע, פארלעסליכע, און ריינע גריד.

"מיט שטארקע שריט צו געשווינד אריבערגיין צו נוצן ענערגיע וואס מען קען באנייען און אוועקגיין פון פאסיל ברענשטאף, צייגן מיר נישט בלויז די וועג פאר א ריינערע און געזונטערע ניו יארק סטעיט, נאר מיר מאכן אויך וויכטיגע טוישונגען וואס וועט שפארן קאסטן פאר אונזערע ניו יארקער וועלכע זענען דאס מערסטע עמפינדליך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ביליגערע ענערגיע וועט ווייטער זיין א הויפט פריאריטעט פון מיין קלימאט פלאן וויבאלד מיר מוזן באקעמפן קלימאט ענדערונג און באשיצן אלע ניו יארקער."

<u>**ביליגערע ענערגיע פלאן**</u>
גאווערנאר האקול האט געלייגט שפארזאמקייט אלס א הויפט פריאריטעט פון איר ענערגיע פלאן איבער די לעצטע צוויי יאר, וואס האט רעזולטירט אין א דורכשניטליכע געשפארטע פארדינסט פון 1,400$ פאר יעדע בארעכטיגטע יוטיליטי קליענט. אין צייט וואס ניו יארק פירט ווייטער די וועג אויף קלימאט, נעמט גאווערנאר האקול היסטארישע טריט וואס וועט רעזולטירן אין ביז 500$ אין געשפארטע פארדינסטן פאר איבער א האלבע מיליאן ניו יארקער הויזגעזונדער. די שריט אנטהאלטן:

- **פארשטעלן געזעץ צו ארויסהעלפן פלאנירונג פון פאראנטווארטליכע, שפארזאמע און ווירקזאמע גאז סיסטעם איבערגאנג.** די ביליגע גאז איבערגאנג געזעץ וועט ערמעגליכן פאר די פובליק סערוויס דעפארטמענט (Department of Public Service, DPS) און די פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission, PSC) צו אנזאגן פאר יוטיליטי פירמעס צו זיין פאראנטווארטליך און שפארזאם ווען זיי שטייען איבער די איבערגאנג צו ריינע ענערגיע קוועלער. די געזעץ וועט באשיצן יוטיליטי קליענטן

פון טראגן די פרייז פון איבריגע אינוועסטירונג אין פאסיל ברענשטאף אינפראסטרוקטור, אוועקשטעלן נייע געזעצן און אנווייזונגען איבער דאס פארלענגערונג פון גאז סערוויס אין איינקלאנג מיט די קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, און וועט נישט אפעקטירן די זיכערע און פארלעסליכע דערהאלטונג פון סערוויס פאר יעצטיגע קליענטן.

- **אנהויבן זון-ענערגיע פאר אלע איבער די גאנצע סטעיט**, א פארגעשריטענע פראגראם וואס וועט צאמשטעלן צוויי גרויסע סטעיט פראגראמען - די יוטיליטי-אנגעפירטע ענערגיע שפארזאמקייט פראגראם און קאמיוניטי זון-ענערגיע - צו שנעל קענען געבן ריינע ענערגיע געשפארטע פארדינסטן פאר נידריגע-איינקונפט הויזגעזונדער. די נייע פראגראם קען געבן אן עלעקטריק ביל קרעדיט פון $40 א יאר פאר איבער 800,000 הויזגעזונדער.
- **אנהויבן די קלוגע ענערגיע שפארזאמקייט איניציאטיוו, ערלויבנדיג פאר ניו יארקער צו שפארן געלט אויף זייער יוטיליטי בילס דורך זיך אנגיין בעסער מיט טעגליכע ענערגיע באנוץ.** פאר הויזגעזונדער וועלכע נעמען אנטייל, וועט קלוגע טעכנאלאגיע העלפן באשטימען צייטן פון באדייטנדע ענערגיע באנוץ צו פארקומען ווען עלעקטריציטעט נויט און קאסטן זענען נידריגער. געוואנדן אין די יוטיליטי און די הויזגעזונד, וועלן אנטיילנעמענדע ניו יארקער מיט עלעקטריק קארס קענען שפארן ביז $200 א יאר, און ניו יארקער מיט הייצונג פאמפס קענען שפארן צווישן $100 און $500 א יאר.
- **אנזאגן פאר DPS צו נוצן פארגעשריטענקייט דורך אנהויבן פארהאנדלונג פאר די ניו יארק גריד פונעם צוקונפט.** די פארהאנדלונג וועט ארויסגעבן א ניו יארק גריד פונעם צוקונפט פלאן ביז ענדע יאר וואס וועט פארלייגן אינוועסטירונגען וואס בויען א ריכטיג שפארזאמע, שטארקע און ריינע גריד.

**<u>פאראויס רוקן טראנסמישען אינפראסטרוקטור בוי-ארבעט פאר א בייגזאמע, פארלעסליכע, און ריינע גריד</u>**

צו אדרעסירן די וויכטיגע נויט צו ערגרייכן די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ צילן, בויען עלעקטריק טראנסמישען, און פארבעסערן די באהעפטונג פראצעדור, שלאגט גאווערנאר האקול פאר די באנייבארע שריט דורך פראיעקט פאבינדונג און באנוץ (Renewable Action Through Project Interconnection and Deployment, RAPID) געזעץ.

די RAPID געזעץ מאכט אן אלעס-אויף-איין-פלאץ געשעפט פאר די ענווייראמענטאלע איבערבליק און ערלויבונג פון גרויסע באנייבארע ענערגיע און טראנסמישען איינריכטונגען אין די אפיס פון באנייבארע ענערגיע ערטער (Office of Renewable Energy Siting, ORES) ביי DPS. די סטעיט'ס טראנסמישען ערלויבונג פראצעדור וועט יעצט איינפירן צו א קלארע געזעצליכע ראם וואס באלאנסירט אפענקייט מיט ענווייראנמענטאלע שיצונג מיט די נויט פאר מאכן באשלוסן שנעל, און אינעם זעלבן צייט ווייטער רעאגירן צו קאמיוניטי פידבעק און ענווייראנמענטאלע באטראכטונגען.

נאכמער, גאווערנאר האקול וועט אנזאגן פאר DPS צו עפענען א פארהאנדלונג צו פארבעסערן די פארבינדונגען פון ארויסגעשיקטע ענעריגע ריסאורסן. די פארהאנדלונג וועט זיך רעכענען מיט מאטיוון, שטראפן, און אנדערע מיטלען פאר ניו יארק סטעיט יוטיליטיס צו שטופן שנעלערע און בעסערע פארבינדונגען.

**<u>באנייען ניו יארק'ס גרעסטע זון-ענערגיע קאר-פארט</u>**

גאווערנאר האקול האט אויך אנגעזאגט פאר די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערסי צו אנהויבן בויען ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע קאסטומער-ארט זון-ענערגיע און סטארעדזש פראיעקט: א זון-ענערגיע קאר-פארט קאנאפיע ביי JFK לופטפעלד, וואס איז אויך די גרעסטע זון-ענערגיע קאר-פארט

אין ניו יארק סטעיט. די צאמגעשטעלטע MW-12.3 זון ענערגיע איסטאלאציע וועט ארייננרעכענען 7.5 MW פון באטערי סטארעדזש וואס וועט העלפן פארמינערן לופטפעלד ענערגיע באנוץ אין פארנומענע צייטן. די פראיעקט וועט פארמינערן גרינהאוס גאז עמיסיעס מיט נאנט צו 6,000 מעטריק טאנס א יאר און געבן די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע סיי צו די לופטפעלד און סיי צו דערנעבנדע נידריגע-איינקופט געגנטער אין קווינס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418